# צוויי לידער

## ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן

---

### זאָג יאָ

זײַ פֿרײַנדלעך, זײַ העפֿלעך
זאָגט: יאָ!
ווען מע פֿרעגט דיך
צי די רעפּאַראַטור
איז געראָטן, ענטפֿער: יאָ!
כאָטש די ״בעל אַטלאַנטיק״,
די גרויסע פֿירמע
האָט גאָרנישט געטאָן,
ס׳איז נאָר געווען אַרויס
דער קאָנטאַקט פֿון טעלעפֿאָן
ענטפֿער: יאָ.
ס׳איז לײַכטער און קנייטשט
דיר נישט דעם שטערן,
שווערט דיר נישט די גלידער,
אַ ליכטיקער ווינטערטאָג
שנײַט, אַ ווײַסער, מילדער.
זאָג יאָ — און געמאַך!
אַ פּשוט וואָרט
אין דער מענטשלעכער שפּראַך.

---

# די ווײַסע אַקאַציע

די ווײַסע אַקאַציע, זינט מע האָט די
אויסגעהאַקט,
הערט די נישט אויף צו וואַקסן
ווי קליינע שדימלעך.
פֿון ווו דו טוסט זיך נישט ריכטן:
קליינע אַקאַציעלעך,
פֿאַרוואָרצלט און צאַפּלדיק יונג,
ווײַסע-חבֿרהניקעס
רייצן זיך, ווײַזן דיר די צונג:
״קענסט אונדז נישט אויסוואָרצלען!״

הער איך זיי סטראַשען
״מיר וועלן אייביק דאָ הויזן״
אַ פּאָר קליינע קולעכלעך
טוט רעשן,
בשעת איך פּאָרע זיך אין גאָרטן,
פּאָלע אויס די בייטן, שטעל איבער,
שנײַד אַוועק — האָרעוואַניע אָן אַן עק,
און אַזוי אין גרינעם געמאַרק
פֿאַררעשט, אַרײַנגעטאָן
גייען מיר נאָך די קולות.
צו זײַן אַליין מיט אַזאַ סך שׂונאים
איז נישט קיין קאַטאָוועס.